יונגער רב גיט אויפקלערונג וועגן ווייבערשער שול

ער ענטפערט די וועלכע זיינען פאַר אָפּשאַפן די מחיצה. — הרב נחום לאַם׳ס עסיי אין ענגליש וועגן געמישטע זיץ־פּלעצער.

October 8, 1959

[illegible]

פון ניסן גאָרדאָן

אין די איצטיגע טעג פון תשובה, ווען אידען זיינען נענטער צו דער שוהל און די שוהל איז נענטער צו אידען, איז כדאי צו כאַפּן א בליק אין א זעהר אינטערעסאַנטער עסיי פון א יונגען אָרטאָדאָקסישען רב איבער דער אַקטועלסטער פראַגע וואָס טיילט היינט צו־טאָג פאַנאַנדער די אָרטאָדאָקסישע שוהל פון קאָנסערוואַטיווען צענטער און רע־פאָרם טעמפּעל, די פראַגע פון באַ־זונדערע, אָדער געמישטע זיץ־פּלע־צער ביים דאַווגען.

דאָס ווענטעל וואָס טיילט אָפּ די ווייבערשע שוהל איז געוואָרען די באַריקאַדע, הינטער וועלכער די אָרטאָדאָקסיע האָט זיך באַפעס־טיגט אין איר קאַמף געגען די וואָס ווילען מאָדערניזירען אידישקייט בכלל און די שוהל בפרט. דאָס ווענטעל איז אייך דאָס ציל־ברעט, אין וועלכער אַלע קוילען פון די קאָנסערוואַטיוון און די רעפאָרמער זיינען געוועדעט און ניט איינע פון די דאָזיגע ווענטלעך איז אונ־טער׳ן אומאויפהערליכען פיינטלי־כען באַראַזש געפאַלען און זיך אונ־טערגעגעבען

ווי אַזוי פאַרטיידיגט מען די מחיצה געגען די, וואָס ווילען איר איינוואַרפן און טענה׳ן, אַז זי איז א באַליידיגונג פאַר דער פרוי אין מאָדערנעם 20־טן יאָרהונדערט ?... ווי אַזוי דערקלערט מען א געמיינ־דע פון יונגע אידישע פּאָרלעך אין א פאָרשטאָט פון לאָנג איילענד, אַז די שוהל וואָס זיי פאַנגען אָן צו בויען דאַרף האָבען א מחיצה, אויב זיי ווילען האָבען אַן אמת׳ן מקום קדוש וואו די שכינה זאָל רוען ?...

די געריכטס־אַנטשיידונג וואָס דער טיערער און ליבער עקשן, ר׳ ברוך ליטווין, האָט געוואונען אין מט. קלעמענס, מישיגען, איז לייד־דער פון ניט קיין צו גרויסער באַ־דייטונג פאַר די יונגע פּאָרלעך פון לאָנג איילענד און אפילו אין מט. קלעמענס אַליין האָט די אַנטשיי־דונג [illegible] אויף אַזוי פיל אויפגעטאָן. [illegible] מחיצה איז גע־בליבען, אָבער קיין מנין דאַוונער

האָט דאָס געריכט ניט געקענט באַ־זאָרגען.

— מיר ווילען ניט זיין אָרטאָ־דאָקסען — טענה׳ן די יונגע פּאָר־לעך, מיינענדיג, אַז דערמיט וואָס זיי נעמען אַרויס א קאָנסערוואַטי־ווע מעטריקע ווערען זיי באַפרייט פון אַלע זייערע פליכטען נאָכצו־קומען די פאָרשריפטען פון דין ביים בויען א מקום קדוש.

די דאָזיגע יונגע פּאָרלעך נויטי־גען זיך, אַז אימיצער זאָל זיי דערקלערען אויף זייער שפּראַך די באַדייטונג פון דער מחיצה און פאַרוואָס זי איז פונקט אַזוי נויטיג היינט אין לאָנג איילענד ווי אַמאָל אין פרעשבורג און אין קראָקע, און דערקלערען עס מיט טאַקט און מיט פאַרשטענדעניש און זיך פאַררופען אפילו אויף א „תנא דמסייע" פון דרויסען, איינער פאַר וועמען די אינטעליגענץ האָט דרך ארץ און מיינט, אַז אַלץ וואָס ער זאָגט איז תורת לאָקשען.

און אַזאַ סאָרט אויפקלערונג פון דער מחיצה איז איצט אַרויס פון דער פען פון הרב נחום לאַם, אַסאָסיאייט־רב פון וועסט סייד דזשואיש סענטער און רעדאַקטאָר פון „טראַדישאָן", א זשורנאַל וואָס איז געווידמעט צו אָרטאָדאָקסי־שער אידישקייט און ווערט אַרויס־געגעבען פון דער הסתדרות הרבנים. הרב לאַם׳ס עסיי איז געשריבען אַזוי טריי און אַזוי לאָיאַל צו דער הלכה און אַזוי שניידיג און שאַרף, אַז דער גרעסטער קנאי קען זיך אונטער דעם אונטערשרייבען מיט ביידע הענט. עס איז אָבער גע־שריבען מיט אינטעליגענץ און מיט דער קאַלטקייט פון א וויסנשאַפט־ליכער אַרבייט, אַזוי אַז זי האָט וואָס צו זאָגען אפילו פאַר׳ן ראַ־ציאָנעלען, טרוקענעם יונגערמאַנ־טשיק פון לאָנג איילענד, וועלכער איז בראש פון דער בילדינג קאָמי־טע וואָס בויט די נייע שוהל. ער נעמט אפילו צו־הילף דעם קינזי־רעפּאָרט אין ווייזען ווי ווייט די אָנוועזענהייט פון א פרוי קען שטערן ביים דאַווענען, און ציטירט פון אַן ענגלישען פּאָעט, דזשיימס מאָנטגאָמערי, וועגען דער באַדיי־טונג פון תפילה.

עס וואָלט געווען זעהר נוצבאַר ווען הרב לאַם׳ס עסיי זאָל אָפּגע־דרוקט ווערען אין אידיש פאַר׳ן געברויך פון עלטערען דור, וועל־כער מיינט אַמאָל, אַז דורך דער־לויבען דאָס זיצען פון מענער און פרויען וועלען זיי צוציען מער יונ־גע מתפללים אין שוהל אַריין. זאָ־לען זיי, אָט די עלטערע גוט־מיי־נענדע אידען, זען ווי ריכטיג און אויסגעהאַלטען דער דין איז און זיך ניט לאָזען פירען ביים נאָז דורך די יונגע וואָס ווילען אין אַלץ נאָכמאַכען דעם ניט־אידישען שכן, אפילו ביים דאַווגען אויך.

פאַראַן צוויי הויפּט אַרגומענטען מיט וועלכע עס באַנוצען זיך די וואָס ווילען אָפּשאַפן די ווייבער־שע שוהל.

אַרגומענט נומער איינס איז, אַז א באַזונדערע ווייבערשע שוהל איז געגען דעם אַלגעמיינעם גייסט פון דער צייט, וועלכע האָט עמאַנצי־פּירט די פרוי און איר געמאַכט פאַר׳ן זעלבען העלד ווי דער מאַן. א באַזונדערע אָפּטיילונג פאַר פרויען צום דאַווגען האָט, הייסט עס, געפּאַסט אַמאָל ווען די פרוי איז געווען באַטראַכט אַלס א צווייט־קלאַסיגער בירגער אויף דער ערד, אָבער ניט פאַר היינט ווען די פרוי איז גלייכבאַרעכטיגט אין אַלע הינזיכטען און טראָגט די זעלבע פאַראַנטוואָרטליכקייטען ווי דער מאַן.

הרב לאַם נעמט דעם דאָזיגען אַרגומענט אַזוי פאַנאַנדער, אַז עס בלייבט פון אים גאָרנישט. ער גיט צו פאַרשטיין, אַז וואָס נוגע די ווערדע פון דער פרוי אַלס מענש, איר פּאָזיציע אין וועלט־באַשאַף, שטייט זי אויף דער זעלבער הויכער מדרגה ווי דער מאַן, און אדרבה, אין געוויסען הינזיכטען האָט גאָר די תורה אַרויסגעשטעלט די פרוי אַלס די וואָס איז באַשאָנ־קען מיט „בינה יתירה", מיט מער פאַרשטענדעניש. דער חילוק איז נאָר אין דער פונקציע וואָס די

תורה האָט צוגעטיילט דעם מאַן באַזונדער און דער פרוי באַזונדער. איר פונקציע אין לעבען איז אַזאַ, אַז פון געוויסע מצוות איז זי פריי און דערפאַר האָט זי אַנדערע מצוות וואָס א מאַן האָט ניט.

און דאָ גייט ער אַוועק אויף צוויי זייטלעך מיט ראיות פון א באַוואוסטען אַנטראָפּאָלאָג מיט א וועלט־נאָמען, אַז די טראַגעדיע פון דער מאָדערנער היים נעמט זיך דערפון וואָס די פרוי מאַכט דעם פאַטאַלען טעות פון אויסטייטשען אירע גלייכע רעכט אויך אויפ׳ן ביאָלאָגישען געביט, מיינענדיג, אַז זי דאַרף קאָנקורירן מיט׳ן מאַן און זיין וועלט. פּסיכיאַטרישע שפּי־טאַלען — זאָגט דער זעלבער אוי־טאָריטעט — זיינען פול מיט קינ־דער פון היימען וואו די פרוי פאַר־געסט איר פונקציע אַלס פרוי און מוטער און וויל איינגעמען די וועלט נאָך בעסער ווי דער מאַן.

דער צווייטער אַרגומענט פאַר געמישטע זיץ־פּלעצער אין שוהל איז די קריסטליכע טשווירטש־לאָ־זונג, אַז „א פאַמיליע וואָס דאַ־ווענט צוזאַמען האַלט זיך צו־זאַמען", דאָס הייסט, אַז ווען מאַן און פרוי און קינדער זיצען אויף איין באַנק און דאַווגען, שמידט עס ביי זיי א געפיל פון פאַמיליע־צוגעבונדענקייט.

אויך דאָ נעמט זיך הרב לאַם פאַנאַנדער די הענט מיט אָנווייזען, אַז דאָס איינציגע וואָס קען האַל־טען א פאַמיליע צוזאַמען איז „לע־בען צוזאַמען אין דער היים", ניט ווי עס פירט זיך, אַז דער טאַטע גייט אַוועק צו א קאָרד־געים מיט די „באָיעס", זיינע פריינט, די מאַמע גייט זיך אַוועק צו א טיי מיט אירע פריינדינעס און די קינ־דער לויפן אַרום ווער־ווייסט־וואו, אָדער זיינען פאַרנומען מיט דרייען די קנעפּלעך פון טעלעוויזשאָן. א גאַנצע וואָך לעבט די מאָדערנע פאַמיליע באַזונדער, יעדער אין זיין אָפּגעשלאָסען וועלטעל. נאָר

אַז עס קומט צו די פרייטאָג־נאַכט סוירוויסעס, דאָ ווערט מען מיט־אַמאָל באַזאָרגט וועגען דער פאַ־מיליעס צונויפגעבונדענקייט און מען מוז דאַווגען צוזאַמען...

און ער ציטירט ווייטער פון א וויכטיגען שרייבער, אַז דוקא אין די היימען וואו עס ווערט פּראַק־טיצירט אָרטאָדאָקסישע אידיש־קייט, די היימען וואו טאַטע־מאַמע דאַווגען ניט צוזאַמען אין איין „באָקס", דוקא אָט די היימען האַלטען זיך צוזאַמען !...

לעצטענס האָט זיך באַוויזען א נייע טעאָריע צווישען די פאַרטיי־דיגער פון געמישטע שוהלען, נעמ־ליך, אַז די פרוי פילט זיך מער געשיצט, מער זיכער, ווען זי דאַ־ווענט צוזאַמען מיט׳ן מאַן. אַליין איז זי איינזאַם, אינסעקיור בלע״ז.

איז ערשטענס, זאָגט הרב לאַם, באַגייען דאָ די טשעמפּיאָנען פון פרויען־גלייכהייט אַן אומפאַרגעב־ליכע עוולה געגען דער פרוי מיט דעם וואָס זיי מאַכען איר אַזוי שוואַך און אָפּהענגיג נאָר אין מאַן, און אַז אָן דעם מאַן ביים זייט, בעת דעם דאַווגען, קען זי נאָך חס ושלום אויסגיין פון עלענט־קייט. אדרבה, דער אָרטאָדאָקסי־שער שטאַנדפּונקט איז, אַז די פרוי קען איר שטעטעל אַליין באַשטיין און קען אַליין מתפלל זיין צום רבונו של עולם, אָן דער באַשיצונג פון איר שטאַרקען מאַן.

און צווייטענס, ציטירט ער פון הרב ר׳ יוסף דוב סאָלאָווייטשיק׳ס אַן אַרטיקעל אין „טאָג־מאָרגען זשורנאַל" (נאָוועמבער 22, 1954), אַז א איד דאַרף טאַקע בעת׳ן דאַווגען זיין דורכגעדרונגען מיט א געפיל פון אומזיכערקייט, מיט א צעבראָכען געמיט און מיט דער איבערצייגונג, אַז דאָס איינציגע אויף וועמען ס׳איז דאָ אָנצושפּאַ־רען זיך, איז א ישועה פון הימעל.

אָבער הרב לאַם באַנוגענט זיך ניט מיט בלויז אָפּשלאָגן די טענות פון די אַנטי־מחיצה׳ניקעס. ער אַנטוויקלט א צאָל געזונטע סברות פאַרוואָס מען דאַרף יאָ א מחיצה, און ער זאָגט, אַז ווען אפילו מיר וואָלטען ניט געהאַט פאַר זיך קיין פאַרטיגע הלכה ... פרויען און מע־

נער זאָלען זיין אָפּגעזונדערט ביים דאַווגען, וואָלטען מיר עס באַ־דאַרפט איינפירען מיט אונזער אייגענעם געזונטען שכל.

צו מאָנען פון א מענשען קאָנ־צענטראַציע אין דאַווגען, כוונה, בעת אַנטקעגענאיבער זיצט אימי־צער פון צווייטען געשלעכט, מיינט פּשוט צו פאַרקוקען די שוואַכקייט פון דער מענשליכער נאַטור. און די פון געגנערישען צד וואָס זאָ־גען, אַז די אָרטאָדאָקסיע טרייבט איבער דעם כח פון יצר הרע, פאַר זיי האָט ער א בפירוש׳ן קינזי, וואָס א מאָדערנער מענש וועט זיך זיכער ניט שפּאַרען מיט אים.

דערצו נאָך ווייזט דער יונגער רב אָן, אַז אפילו די קריסטליכע קירכע איז אָריגינעל געווען פאַר דער אָפּזונדערונג פון מענער און פרויען, ביז עס האָט דאָרט געזיגט די ריכטונג פון די פּאַגאַנער, ביי וועמען די אויסמישונג פון גע־שלעכטער איז געווען א טייל פון זייער עבודה זרה.

און נאָך מער. אפילו די רע־פאָרמער האָבען אין אייראָפּע ניט געוואוסט פון קיין געמישטע זיץ־פּלעצער. אייזיק מאיר ווייז, דער פאָטער פון רעפאָרם אין אמערי־קע, האָט עס דאָ צום ערשטען מאָל איינגעפירט אין 1825, ווען ער האָט אויסגעליען — ווי עס טוט, אגב, היינט א גרויסער רעפאָרם־ראַביי אין ניו יאָרק — א טשורטש, אין וועלכער עס זיינען געווען געמישטע פּלעצער.

די מחיצה האָט אין הרב לאַם׳ס עסיי געטראָפען א ווירדיגע און שטאָלצע פאַרטיידיגונג געגען אי־רע אָנגרייפער פון דרויסען און פון אינעווייניג. ר׳ ברוך ליטווין פון מט. קלעמענס האָט גוט געטאָן, וואָס ער האָט עס אַריינגענומען אין זיין קומענדען ספר, וואָס ער גיט אַרויס אויף ענגליש מיט׳ן נאָמען „די הייליגקייט פון דער שוהל".

און זאָל אויך ניט פאַרקוקט ווערען דער פאַקט וואָס אַזאַ אַר־בייט קומט פון דער פען פון אַן אַמעריקאַנער געבוירענעם און ער־צויגענעם אָרטאָדאָקסישען רב.

ריקען זיך דע... מענ...
און יעדער ריר זייערע צעצאַפּעלט זיך שטורמיש היים איבער אַלע זיינע גלידער. אינגאַנצען שטיים ער אין פלוצלינגען פלאַקער פון גלוסטיגען לייב, און זיין רעיון טשאַדעט, און ער שפּירט נישט, ווי ער זינקט אויף די קני, ער זעצט זיך, און זי, — אַ קנוידער לײדענ־שאַפט, — וואַלגערט זיך אריין אין זיין שויס.

— קינדעלע, ליכטיג קינד, — שעפּטשעט ער אַן אוממעכטיגער.

ביי איר בעלמען זיך די אויגען, דאָס מויל סלינעט זיך און זי סאַ־פּעט אויס אַ קרעכץ.

— עסטעלעשי, גיי אַהיים, — בעט ער זיך שוין, ווען צו אים שפּאַרט אריין אַביסעל שיין פון באַזינונג. ווי אַ רויך פילט ער דעם חלל איבער זיך און דער קאָפּ וויגט זיך צווישען צעטומעלטע ווענט. און אין אַן אויגענבליק ווערט ער מורא'דיג גליקליך, ווייל ער דער־זעט זיך אין דער אַליינינקייט פון זיין צימערל. נישטאָ דאָ קיין פרעמד אויג.

(פאַרזעצונג מאָרגן)

נייע איפדעקונגען וועגן די „קוויז"-פּראָגראַמען

(שלום פון 5טער זייט)

פון פאַראויס געגעבענע פראַגעס און ענטפערס פאַר 2 „קוויז"-פּראָ־גראַמען, אויף שטיקלעך פּאַפּיר, אריינגעלייגט זיי אין אַ קאָנווערט, פאַרזיגעלט, און „רעדזשיסטערעד" אדרעסירט צו זיך אַליין. מען האָט די בריוו מיט די פּאָסט־סטעמפּעס צוגעשטעלט אַלס אַ באַווייז...

דער קאָנגרעס־פאַרהער אין וואַ־שינגטאָן דויערט. נייע סענסאַציעס וועגן דעם טי־ווי „קוויז" ווערען דערוואַרט.

עס ווערט אויך דערוואַרט אַ דערקלערונג פון ען. בי. סי., וואָס האָט אָפּגעקויפט ביי באַרי'ן און ענראַיט'ן זייערע „קוויז'ן" פאַר 2 מיליאָן דאָלאַר.

אין לעצטען מאָמענט ווערט מען געוואויר, אַז טשאַרלז וואַן דאָרען האָט צוגעשיקט אַ טעלעגראַמע צום טשערמאַן פון דער הויז פאַרשונגס־קאָמיטע, קאָנגרעסמאַן העריס, אַז אים האָט מען נישט געלערנט ווי אזוי און וואָס צו ענטפערן אויף די געשטעלטע פראַגעס, ווייל ער אַליין האָט זיי פאַרענטפערט.

זיכער, אז דאָסמאָל וועט עס נישט אנקומען אזוי לייכט. ער האָט דער־ריבער באַשלאָסען עס אָפּצולאָזען איצט, נישט נעמען קיין שאַנס.

לוּף און ביי זיי ווינט נישט אזוי דער איד. ביי זיי איז ער נישט אזוי אויפגעציטערט ווי ביי ונתנה תוקף. אז מיר טראַכטען זיך אריין כבקרת רוע עדרו — ווי דער פּאַסטוך פירט דורך זיינע שאָף, אזוי פירסטו דורך און ציילסט און דער־מאָנסט יעדען לעבעדיגען... ונתנה תוקף איז אַ געזאַנג פון פּאַטעטיש־רעליגיעזער פּראַכטיגקייט, אָבער צו דער אייגענער צייט אויך פון גאָר הויכער אמונה, פון גייסטיגער שטאַרקייט. ר' אמנון האָט נישט באַוויינט די אייגענע יסורים. פאַר־קערט, ער האָט נאָך דערהויבען די גרויסקייט פונ'ם אחר, האָט זיך אויף אים אָנגעשפּאַרט און אין אים געפונען די שטאַרקייט זיינע. אָט די אמונה, — אין די מורא'דיגסטע צייטען פון אומקום און חורבן, — איז געגאַנגען מיט אונז דורך דער גאַנצער געשיכטע. זי איז אונז בייגעשטאַנען אין אַלע פורעניות'ן, וואָס פעלקער האָבען אויף אונז גע־בראַכט.

אין די תפילות, ביי תקיעות, איז דאָ אַ מערקווירדיגע תפילה, וואָס איז פילאָזאָפיש טיף און טראָגט אין זיך דעם אידיש־עטישען גע־דאַנק. שופר־בלאָזען איז פאַר זיך אַליין אַן אינטערעסאַנטער ענין. אין די תקיעות מישען מיר אריין כל'ערליי מלאכים, וואָס לגבי זיי דאַרפען דאָס שאַלען פונ'ם שופר זיין געווענדט. אָבער זיי זענען אַ צוזוואוקס אין די שפּעטערע דורות, וואָס אפילו פרומע אידען זענען שטאַרק מסופק וועגען זיי. אָבער דער שופר אַליין איז גאָר אַ דער־מאָנונג פון די פאַר־היסטאָרישע צייטען, בעת די עברים זענען גע־ווען פאַסטוכער און דער שופר איז געווען זייער געזאַנג און זייער גע־וויין; זייער יום־טוב'דיגער רוף און זייער שאַלונג אין צייטען פון טרויער. נאָר דער עיקר, וואָס איך וויל דאָ אַרויסברענגען, איז—היום הרת עולם. וואָס איז דער טייטש פון די דריי ווערטער? היינט ווערט וועלט געבוירען, אָדער ריכ־טיגער וואָלט געווען פאַרטייטשען דאָס וואָרט מיט'ן אַלטען אידישען וואָרט „אנטפאַנגען". אין ענגליש וואָלט עס געווען „קאָנסיווד". אין אידישקייט ווערט די וועלט גע־בוירן, אָדער אַנטפאַנגען, יעדעס יאָר. די וועלט איז ווידער יונג, זי איז ריין, ווי ביים סאַמע אָנהויב. מיט אונזערע תפילות, באַקרעפ־טיגט מיט אונזערע גוטע מעשים, שאַפען מיר אויפסניי איבער די וועלט. אָט דער געדאַנק אין איר־דישקייט איז איינער פון די העכ־סטע. ער מאַכט דעם מענשען אַ שותף צום באַשאַף פון דער וועלט. מיט אונזערע מעשים קאָנען מיר ברענגען פולן תיקון דער וועלט, אָדער אריינברענגען, חלילה וחס, אַ פּגם אין איר.

הויז פאַר פּרעזידענט פון „יד ושם" רופט אַרויס טומעל אין ישראל

(שלוס פון ־יער 5טער זייט)

קומענע אידען, דערקלערען אַלס ישראל בירגער.

דער טראַסק מיט'ן רעגיסטרירען די נעמען פון די קדושים איז געווען אַ זעהר גרויסער און קיינער האָט זיך נישט געשטעלט די פראַגע: מה קא משמע לן? וואָס וועט דאָס עמיצען געבען, ווען אין די קעלערן פון „יד ושם" וועלען זיך געפינען בלעטער, אויף וועלכע עס וועלען זיין פאַרשריבען די נעמען פון די אומגעקומענע קרבנות?

וויפיל דאָס האָט אָפּגעקאָסט ווייס איך נישט, איך ווייס אָבער, אז אידען וואָס האָבען פאַרלוירען זייערע נאָענטסטע און טייערסטע האָבען זיך נישט גלאָזט מיטרייסן פון דעם דאָזיגען טראַסק און זיי האָבען זיך באַנוגענט מיט'ן פאַר־צייכענען די נעמען פון די קדושים אין זייערע הערצער. פונדעסטוועגען טעליכע הונדערט טויזענט נע־מען, זאָגט מען, זענען יאָ רעגי־סטרירט געוואָרן און דעמאָלט האָט מען זיך ערשט געכאַפּט, אז מען האָט געטאָן אַ נאַרישקייט: די אי־דען אין אויסלאַנד האָבען נישט רע־גיסטרירט זייערע אומגעקומענע קרובים, זיי האָבען צוליב פּאָליטי־שע מאָטיווען נישט געוואָלט, אז זיי, די קרובים, זאָלן פּראָקלאַמירט ווערען אַלס ישראלים. וואָלט אויס־געקומען פאַר דער וועלט, אז נישט זעקס מיליאָן קרבנות זענען געווען נאָר טעליכע הונדערט טויזענט...

האָט מען אויפגעהערט רעדען וועגען רעגיסטראַציעס, אָבער ווי־פיל האָט עס אָפּגעקאָסט!

דאַן האָט מען זיך גענומען צו אַ צווייטער אַרבעט — אויפצונעמען גבית עדותן, וועגען דעם, וואָס איז פאָרגעקומען אין די געטאָס, אָבער דאָ איז אויסגעבראָכן אַ קאָנפליקט צווישען די באַאַמטע פון „יד ושם". טייל באַאַמטע, וואָס זענען געווען אַליין היטלער־קרבנות, ווי די באַקאַנטע אידישע שרייבערין רחל אויערבאַך, האָבען גע'טענה'ט, אז די דירעקטאָרען, וואָס פּראָפע־סאָר דינור האָט אַנגעשטעלט, האָבן נישט קיין פאַרשטענדניש פאַר דער גרויסער אידישער טראַגעדיע און זיי שטויסען ארויס די מענשען, וואָס האָבען געלעבט אין די געטאָס פון אַלע פּאָזיציעס אין „יד ושם".

פּראָפעסאָר דינור אָבער האָט פאַרטיידיגט זיינע מקורבים און פאַרגעוואָרפען די ערשטע, אז זיי האָבען נישט קיין זין און פאַר־שטענדניש פאַר וויסענשאַפטליכער פאַרשונג און זיי האָבען נישט ווי געהעריג דערפילט זייערע פליכטען.

האָט זיך אָנגעהויבען אַ סדרה פון קריגערייען און רייסענישען און אינטריגעס און די אַרבעט פון „יד ושם" איז פּאַראַליזירט געוואָרען.

און וואָס דאָט „יד ושם" געגעב־בען אויף דעם געביט, וואָס האָט באַדאַרפט זיין די עיקר אַרבעט: עס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען דאָס טאָג־בוך פון משה פלינקער, אַ אינגעל פון 14 יאָר, וואָס איז אומ־געקומען (אַ קרוב פון שרייבער פון די דאָזיגע שורות). עס איז דערשי־נען אַ בוך פון דר. דוואָזשעצקי און נאָך עטליכע בראָשורקעס.

איך וועל נישט האָבען קיין טעות, אז אַ פּריוואַטער פאַרלעגער וואָלט מיט אַ סומע פון 20 טויזענט פונט בריווח, דאָס באַוויזען אַרויס־צוגעבען.

דער סוף פון דעם סקאַנדאַל איז געווען, אז פּראָפעסאָר דינור האָט רעזיגנירט פון זיין אַמט און דר. קובאָווי האָט איבערגענומען די לייצעס און עס זענען געלייגט גע־וואָרען גרויסע האָפענונגען אויף אים, אז ער וועט אַרויספירען „יד ושם" אויפ'ן דרך המלך.

עס קען גרייליך זיין, אז אַ טייל באַאַמטע האָבען זיך דערשראָקען פאַר'ן נייעם בעל הבית און מיט דער אומגליקליכער דירה איז גע־וואָלט קאָמפּראָמיטירען. עס איז אָבער אַ גרויסער שאָד, וואָס דר. קובאָווי האָט באַלד ביי זיין ערשטן טריט זיך געלאָזט פאַרפלאָנטערן אין אַזאַ נישט אָנגענעמען ענין, וואָס האָט, קודם כל, געשעדיגט זיין פּרעסטיזש און גוטען נאָמען.

„יד ושם" איז געבוירען געוואָרן מיט גרויסען רעש, אָבער מיט ווייניג מזל.

וזהיטינא איז דער ...
דערפאַר האָט ער דעם רייכען
און וואונדערבאַרען טאָסטעד ...

... tradition, serve
... Adler's
...n Recipe
...ve Fish

...s Better

ווען מען עסט מאָדערן רעסיפּי ... אמת'ן טעם פון גוטע, היימישע ... געפילטע פיש זיינען בעסער ווי... פיש, מיט די פיינסטע און פר... רעסיפּי געפילטע פיש זיינען די... טעם ווי אונזערע מאַמעס פל... מאָדערן רעסיפּי געפילטע פ... געלעגענהייט. מאָדערן רעסיפּי... כשר און פאַרעווע אונטער ד... אָרטאָדאָקס דזשואיש קאָנגרעגע...

קויפט אַ דזשאַר מאָדערן רע...

עסט און סערווירט מאָדער...

האָט הנאה פון מאָ...
היינטיגען יום...

...ller's
... Gefilte Fish
... Company, Brooklyn, N.Y.

100% קאָפּע-פריי

אונטער דער שטרענגער השגחה
פון הרב הערש קאַהן

כשר
פּאַרעווע...
אונטער שטרענגער
רבנישער השגחה

Another fine product of G...